# נ. ע. דער לאָדזשער שטאָט־ראַט איז געשטאָרבען ב'שינקע

## אַ טרעהר אויפ'ן פרישען קבר

צו די לעזער פון „קונדס".

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען האָט אויסגע־הויכט די נשמה דער לאָדזשער שטאָט־ראָט.

אין אַ שוואַרצע שעה איז ער געבוירען געוואָרען, ווי נאָר ער איז אויף דער וועלט געקומען, האָט מען געזעהען, אַז ס'איז געבוירען געוואָרען אַ פּערזענ־ליכעניש, אַ ווילדע בריאה. מיט יעדען טאָג איז ער ווילדער געוואָרען, האָט געהאַקט און געבראָקט און זיך געדראַפּעט אויף די גלייכע ווענט. מ'האָט איהם איינגעגעבען פערשידענע רפואות: פּראָשקעס, גע־מאַכט זאַשטשיקעס, ס'האָט איהם אָבער גאָרנישט געהאָלפען. וואָס מעהר מ'האָט איהם געוואָלט אָפּ־שפּאָקאָיען — אַלץ מעהר איז ער געוואָרען משוגע, ווילד ווי אַן אָקס ווען מ'ווייזט איהם אַ רויטע פּאַ־טשיילע.

ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען. אין עלטער פון 1 יאָהר, האָט ער אויסגעהויכט זיין ווי סמאָלע שוואַר־צע נשמה.

צוזאַמען מיט דער גאַנצער יודישער בעפעל־קערונג שטעהען מיר ביי זיין פרישען קבר. אין דער האָפענונג, אַז ער וועט שוין מעהר נישט אויפשטע־הען מחית המתים, זאָלען מיר אונזער טרייסט גע־פונען!

ליג אין דר'ערד און באַק בייגעל, טייערער שטאָט־ראַט!

דער „קונדס".

—=-—

## וויין, ענדעקעל וויין!

פּאַראָדיע אויף אַ פאָלקס־ליד

וויין, ענדעקעל וויין,
פון שטאָט־ראַט געמוזט אַרויסגיין,
דיין אַנטיסעמיטישע מאַכט,
ווערט איצט אויסגעלאַכט,
וויין, ענדעקעל וויין!

וויין, ענדעקעל וויין,
ס'וועט שוין אַנדערש נישט זיין,
פאַר דיין סאַדיזם און ברוטאַל,
שפּייסטו איצט מיט גאַל,
וויין, ענדעקעל וויין,

וויין, קאָוואַלסקעלע וויין,
קיין פּרעזידענט וועסטו שוין נישט זיין,
די בענקלעך לאָזען צופרידען,
נישט שלאָגען קיין יודען,
וויין, קאָוואַלסקעלע וויין,

וויין, קאָוואַלסקעלע וויין,
כ'מיין נישט דיך נאָר אַליין,
אויך דיין גאַנצע האָרדע,
וואָס האָט בעקומען אין מאָרדע,
וויין, קאָוואַלסקעלע וויין,

וויין, קאָזשוכאָווסקעלע וויין,
קיין בענקעל־וואַרפער וועסט מעהר נישט זיין,
צו שלידערען מיט אַ בענקעל,
מוזסטו איצט געהן אין שענקעל,
וויין, קאָזשוכאָווסקעלע וויין,

סאַקראַטעס.

## גראַף קאָלי.

## אַ הספד אויפ'ן לאָדזשער שטאָט - ראַט.....

געשטאָרבען דער שטאָט - ראַט דער ליכטיגער שטאָט - ראַט,
געשטאָרבען, צו קבורה געקומען....
דער שטאָלץ און די ציהרונג פון לאָדזשער ענדעקעס
פערוועלקט פאַר דער צייט ווי די „בלומען"...

דער שטאָט - ראַט געהאַט האָט פאַר אַרבייט אַ [illegible]
גאַנץ פוילען דאָס האָט אַנערקענט....
כדי לאָדזשער גלעזער צו געבען פערדינען
האָט ער שויבען געבראָכען מיט אייגענע הענט...

ער האָט אויך סטאָלאַרעס בעזאָרגט מיט פּרנסה,
— האָט טישען געבראָכען און בענק....
ער האָט אויך אַפילו געזאָרגט פאַר שפּיטאָלען
האָט מענשען געגעבען אַ קרענק....

ער איז דאָך געוועזען דער איינציגער שטאָט - ראַט
וואָס איז אַזוי ציכטיג געווען.
עס איז נישט קיין וואונדער.... מען האָט אין זיין „ראַדע"
אַזוי פיל דאַזאָרצעס געזעהען....

מורנו קאָוואַלסקי, וואו איז ער אַצינדער,
דער פיהרער, דער פאַן מעצענאַס?
ער האָט שוין אין חלום געזעהען זיך מיניסטער
סענאַטאָר און סיים - דעפּוטאַט....

געשטאָרבען דער שטאָט - ראַט אַ טויט גאָר אַ שווער[illegible]
פערשאָלטען פון גאָט און פון שטן.
וועט עמיץ פערגיסען נאָך איהם אַ פּאָר טרעהרען
דאַן וועלען עס זיין נאָר אידיאָטען...

## די מצבה אויפ'ן קבר

ווי דער „קונדס" דערוואוסט זיך, איז בעשלאָ־סען געוואָרען, אויפ'ן קבר פון שוואַרצען שטאָט־ראַט אַוועקצושטעלען אַ מצבה מיט אַזאַ אינהאַלט: יודישער טעקסט:

פ. נ.

פּאַנאָוואַלי נאַראַדאָווצי

פּויליש:

B. P.

בעסטיאַלסקאַן פּאָליטיקאַן

בעניעלע זאַלץ

## די לעצטע לויה - זיצונג

ענדעקעס זיצען שבעה

— פאַרוואָס איז צו דער לעצטער לויה־זיצונג פון שטאָט־ראַט געקומען 19 ראַטמענער, נישט 18?
— ווייל קיין ח"י איז קיינמאָל נישט געווען.
— און פאַרוואָס האָט די לעצטע זיצונג געדוי־ערט 7 מינוט?
— זיי זענען געזעסען שבעה.

בעניעלע זאַלץ

## קאָנדאָלענץ - דעפּעשע

צו דער ענדעקישער פראַקציע

ווי דער „קונדס" דערוואוסט זיך, האָט די ענ־דעקישע פראַקציע דערהאַלטען פאָלגענדע קאָנדאָ־לענץ־דעפּעשע:

„טיף גערירט פון דעם שווערען אומגליק, איל איך מיך, קאָלעגען פאָ פאַכו, אייך אויסצודריקען מיין אויפריכטיגען מיטגעפיהל.

איך מוז מודה זיין, אַז איהר האָט דאָס „שטי־קעל אַרבייט" געמאַכט פיל בעסער ווי „אונזערע" לויט אַלע דינים פון אונזער „שולחן ערוך".

זייט רוהיג, איך בין מיט אייך!

יוליוש שטרייכער

גירענבערג, יולי, 1935.

## אויספערקויף

צוליב דער ליקווידאַציע פון אונזער שאָפּקע, איז ביי אונז צו פערקויפען בחצי חנם פערשידענע מעבעל־שטיק, ווי: **צעבראָכענע שטוהלען, צע־טראָסקעטע טישען, פיס פון שטענדערס וויטרינעס פון פענסטער, שויבען, צע־בראָכענע שטעקענס** און אַנדערע מעבעל־שטיק — אַלץ צו ביליגע פּרייזען.

אָפּערטען אָפּצוגעבען אין שטאָט־ראַט בנין, פאַר מאַרסקאַ 16 פאַר „קאָוואַלסקין".

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 161 — פרייטאַג, דעם 12 יולי 1935

## א, ווי הויך!...




וועהלער: ווער קאַן דערצו דערגרייכען?..."

